לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי

# ספר

# נעימות אליעזר

## חנוכה

נתחבר ע"י

## ה' אליעזר זוסיא רובין

לזכר נשמת רבותינו הק'
רבי אליעזר זוסיא בן ישראל אברהם זצ"ל
רבי ישראל אברהם בן אליעזר זוסיא זצ"ל

## מסקולען







סְקוּלֶען

©

כל הזכויות שמורות
למכון נעימות אליעזר סקולען באה״ק
ואין רשות לצלם או לתרגם או להעתיק
למאגר מידע אפילו חלק מן הספר ללא אישור בכתב

copyright by mechon nemois eliezer skulen. beth shemesh.
rubin

in all countries subscribing to the international copyright union.

PRINTED IN ISRAEL

**יצא לאור ע״י**

**מכון נעימות אליעזר באה״ק**

**053–415–2636**

# הסכמת הרב קלמן ווייס שליט״א
## מו״צ העדה החרדית

בס״ד כ״ז שבט תשפ״א

הנני בזה בשורות האלה לחזק ולאמץ את ידי הבה״ח החשוב והיקר ירא שמים ובעל מדות תרומיות דבוק בלו״נ ברבותינו הק׳ מסקולען זי״ע ולהבל״ח לכ״ק האדמורי״ם ממשיכי דרכם שליט״א

**כמר אליעזר זוסיא רובין ני״ו**

אשר ליקט ואיזן דבריהם הקדושים של האדמורי״ם מסקולען זצוק״ל במשך שנים על ענינים שונים בתורה ועבודת השי״ת וכן במה שהביאו מספה״ק תלמידי הבעש״ט הק׳ בענינים רמים אלו והבה״ח החשוב הנ״ל תורגם אותם ללשון ״האידיש״ שיהא שימה בפיהם של רבים אשר אינם מבינים בלה״ק

**ונקרא שמו ״נעימות אליעזר״**

ודבר גדול מאד עשה בעמיו לקרב דבריהם הק׳ אשר מלאים ביר״ש וקדושה בדברים היוצאים מלב טהור וקדוש שבודאי יכנסו ללבם של ישראל לקרבם לעבוד״ה ולתורה וקדושה וע״כ גם ידי תכון עמו להוציא לאור ספר הקדוש הזה ויזכה להפיץ תורתם בקרב ישראל מתוך נחת ובריות גופא ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא בכל הענינים אמן:



הכו״ח לכבוד התורה וצדיקי הדור:

קלונימוס קלמן ווייס





## הסכמת אב"ד קאסאן שליט"א
## מו"ץ העדה החרדית

הנני מצטרף להנ"ל והשי"ת יעזור להרחיב גבולי הקדושה ויתקדש שם שמים בעולם ובזכות זה נזכה בקרוב להתגלות מלך המשיח בב"א:

## הסכמת כ"ק מרן אדמו"ר מסערט ויזניץ שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ׳זאל זיך קענען מתחזק זיין און מתרומם זיין אויפן דרך פון אונזערע הייליגע רבי׳ס "לבית סקולען", און אין סקולען איז דאך אסאך אסאך לייכטער זיך צו מתרומם זיין, ווייל די זיס׳קייט דארטן איז דאך גאר גאר הויעך און דערהויבן און ליכטיג, און איך בין זיכער אז פון אויבן וועלן זיי משפיע זיין שפע עבודת השם פאר די אלע וואס וועלן לערנען אין דעם הייליגן ספר.

[והוסיף: ס׳איז מיר שווער "נישט" צו חתמ׳נען אויף אזאנ׳ס].

*יעקב בהה"ז מוהר"א זצללה"ה*





## הסכמת כ"ק מרן אדמו"ר מדושינסקיא שליט"א

**הנני בזה לחזק ולאמץ ידי הבה"ח היקר זוכה ומזכה את הרבים**
**כמר אליעזר זוסיא רובין נרו יאיר ויזרח**
**יהי ד"א עמו בכל אשר יפנה, ויצליח דרכו הטובה על דרך רבותיו הקדושים אשר האירו את ישראל בנועם אמרותיהם וזמירותיהם, ויזכה לראות ברכה בעמלו מתוך הרחבת הדעת וטוב לב תמיד לאויושט"א:**

**המברך בברכת אהבה**
[illegible] מדושינסקיא

## הסכמת כ"ק מרן אדמו"ר מסקולען מאנסי שליט"א

ערב שבת [illegible]

ראיתי [illegible] החשוב והיקר מופלא [illegible] כמר אליעזר זוסיא רובין נ"י

[illegible]

[illegible]

ובזה [illegible] החשוב נ"י

[illegible] מאת ה' חן חסד ורחמים

[illegible] מסקולען שליט"א

[illegible]





## הסכמת רב דקהל אש תמיד בני ברק שליט"א

הנני באתי להמליץ טוב עבור הבה"ח חסידא ופרישא המפורסם
בתורותיו ומידות הטובות והישרות מתאבק באפר רגליהם כל צדיקי
הדור ובפרט כ"ק האדמורי"ם מסקולען
ה"ה שמו הולך לפניו

### מוהר"ר אליעזר זוסיא רובין שליט"א

יה"ר שיזכה תמיד להפיץ מעינתיו חוצה ויזכה תמיד את הרבים בטוב
טעם ודעת ואך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו בחן של טעם זקנים
ויזכה במהרה לקבל פני משיח צדקנו אמן בב"א:

ידידו המכבדו בלב טוב



ורבינו זצ"ל היה אומר תמיד, שלפני שהולכים ללמוד צריכים לכוון לקיים מצות לימוד התורה, כי הרי מצות צריכות כוונה, וממילא וצריך אדם לומר קודם הלימוד בפה מלא:

**הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזוּמָּן לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה דְּאוֹרַיְיתָא שֶׁל לִמּוּד הַתּוֹרָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּתּוֹרָה וּלְמַדְתֶּם אֹתָם וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשׂתָם וַהֲרֵינִי עוֹשֶׂה מִצְוָה זוֹ כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְוַת בּוֹרְאִי וּכְדֵי לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:**

**לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ לְיַחֵד שֵׁם י"ה בְּו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל: וִיהִי נֹעַם יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:**





וכ"ק מרן רבינו זצ"ל
היה אומר תמיד בכל הזדמנות:

**אז: "לְכוּ בָנִים" – אז ווען איר גייט אוועק פון די התעוררות, דעמאלט'ס: "שִׁמְעוּ לִי" – דעמאלט'ס זאל אייך קלונגען אין די אויער'ן דאס וואס איר האט דא געהערט..!**

**ווייל בשעת ווען איר זענט דא, דעמאלט'ס זעה איך דאך שוין אליין אז איר הערט מיך אויס, נאר ווען איר גייט "אוועק".. דעמאלט'ס זאל אייך קלונגען אין די אויער'ן דאס וואס איר האט דא געהערט..!**





# הקדמה

י׳שמחו ה׳חסידים ו׳יגילו ה׳משתוקקים לראות אור כי טוב מאמרי קודש מרז״ל קדושים אשר בארץ המה, ובשבח והודאה להשי״ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה אני מודה ומשבח לאדון כל על שזכיתי לגמור ספר ״נעימות אליעזר״ על התורה ומועדים באידיש אשר מיוסד על דברי חז״ל ועל דברי רבותינו הקדושים תלמידי הבעל שם טוב הק׳ ותלמידי המגיד זצוק״ל, כדי שכל יהודי פשוט יזכה לשאוב מתורתם של רז״ל אשר מפיהם אנו חיים כל ימינו על אדמתינו, וכדי שכל יהודי פשוט יזכה לדעת את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

והרי כבר ידוע ליודעי חן, כי אמרו רז״ל (יבמות צ״ז.) על כל האומר דבר שמועה מפיהם ששפתותיו דובבות בקבר, ובספר חסידים (ס׳ רכ״ד) איתא שהם מתפללין עליו שם וממליצים טובה עליו עכלה״ק.

ומודה אני לפניך ה׳ אלקי ואלקי אבותי אשר זכיתי להוציא לאור ספר ״נעימות אליעזר״ על התורה ומועדים באידיש אשר מטרתו של הספר הוא אך ורק שכל יהודי יזכה לחיות עם ״שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ בכל רגע ורגע ולקיים ״בכל דרכיך דעהו״ במלא מובן המלה.

וברוך הוא אלקינו אשר נתן סיעתא דשמיא בעמלי וזכיתי לראות ברכה בעמלי, אשר אחרי שנים רבות וארוכות זכיתי לברך על המוגמר ולזכות את הרבים בדברים פשוטים וברורים נראים לעינים בעניני עבודת השם יתברך תורה ותפילה ומידות טובות וישרות, ואכן שמע אלקים מתוך סיעתא דשמיא אשר הרגשתי בה על כל צעד ושעל במהלך חיבור ספר זה, ומתוך שבח והודיה להשי״ת על כל הטוב אשר גמלני, הנני עומד עתה ב״פתח השער״ ומתחנן לפני בורא כל עולמים שכה יתן ה׳ וכה יוסיף ויזכני להעלות דבר נאה ומתוקן על שולחן חכמים, ולהוסיף דעת





ותבונה ויראת ה' טהורה בתוך לבבות ישראל, ואל יצא מתחת ידי שום מכשול חס ושלום, רק יחזק את האמונה ואת הניצוץ היהודי אשר נמצא בתוך כל אחד ואחד מישראל, ובעזרת השם יתברך יהיה לתועלת הרבים, ובפרט לבחורי ואברכי חוץ לארץ שיותר קל להם ללמוד ספרים "באידיש", והרי כבר כתוב בתורתינו הק' בפרשה וילך (ל"א פ' י"ט): "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם", פירוש שכל יהודי יזכה להבין ולהשכיל את התורה בשפה שהוא מבין טוב.

וכאן המקום לציין שכל הספר מתחילה עד הסוף נעשית ע"פ הוראת והדרכת גדולי ישראל על כל צעד ושעל, וזהו אינו רק ספר לקריאה גרידא, כי אם גם ספר של לימוד התורה באמת, יען כי הרי זה משפיע יראת שמים במדה גדושה על לבבות ישראל.

וכאן המקום להודות ולהלל לכל האנשים שעזרו ותרמו ותמכו למען הוצאת ספר זה, יהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכו לראות אך ורק תענוג ונחת דקדושה מכל יוצ"ח, ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות באמת לאויושט"א.

ובצאתי אפרוש כפי אל ה' בתפילה שאזכה לישב באהלה של תורה ולהרביץ תורה ויראה כל ימי חיי, ואזכה לעבוד את השם יתברך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל מתוך שמחה של מצוה יחד עם כל ישראל, ואזכה להיות מאלו שמוסיפים יופי לכתר הגדול שנקרא תפארת ישרא"ל זרע אברה"ם אוהבו, מתוך הרחבת הדעת ומנוחה, ומתוך בריות גופא ונהורא מעליא, עדי נזכה בקרוב ליעוד הנביא ומלאה הארץ דעה את ה' וברחמים גדולים אקבצך בביאת גואל צדק ובבנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו אמן:



אליעזר זוסיא רובין



# בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה

**שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְמַן הַזֶּה:** אין די טונקעל׳ע קאמוניסטיש׳ע תפיסה, י׳ אב שנת תשי״ט, פרייטיג צו נאכט׳ס פון שבת נחמו, דער הייליגער בעל נועם אליעזר מסקולען זצ״ל האט געהאלטן אינמיטן זאגן קאפיטל ק״ז פון תהלים וואס מען זאגט פאר מנחה ערב שבת קודש, אנקומענדיג צו דעם פסוק: ״יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת״.. האט מען אָן געהויבן אויף שליסן דעם טיר פון זיין תפיסה צל, די וועכטער איז אריין געקומען, און ארויס גערופן דעם רבי׳ן.

געווענטליך ווען זיי פלעגן רופן איז עס געווען אויף א אויספארשונג, און דאן האט מען נישט ערווארטעט קיין: ״עֹנֶג שַׁבָּת״, א יעדע אויספארשונג איז געווען א שווערע איבערלעבעניש, וואס האט פארמאטערט דעם קערפער און זעל׳ע.

באזונדער׳ס איז עס שווער געווען אין שבת, ווייל זיי פלעגן דעמאלט׳ס מאכן א רעפארט אויף וועלכע מען האט געדארפט חתמ׳נען, און שבת ווען מען האט נישט געוואלט חתמ׳נען, פלעגט זיין גרויסע צרות ביז עס איז געלונגען זיך איין צו בעטן נישט צו חתמ׳נען.

דאס מאל האט מען דעם רבי׳ן אריין געפירט אין א אנדערע צימער, און מען האט איהם געפרעגט, ווילסטו ריכטן די שיך און די זאקן..?! וויבאלד דער רבי פלעגט אלץ בעטן אז מען זאל איהם ריכטן (פארעכטן) די שיך און די







זאקן וועלכע זענען געווארן צוריסן, און דער רבי פלעגט שטיין אויף די בלויזע פיס, דעריבער זענען זיינע פיס געווארן זייער אויף געשוואלן.

דער רבי איז געווען צופרידן, ב״ה נישט קיין אויספארשונג, נאר גאר אזא שאלה..?! אויף דעם האט ער זיך שוין נישט געראכטן, אינצווישן האט מען איהם צוריק געגעבן זיין טייער׳ן אוצר וואס מען האט איהם צו גענומען פאר צוויי און צוואנציג וואכן, זיין טלית און תפילין, און דער חק לישראל חומש.

דערנאך האבן זיי איהם געזאגט, אז מיר האבן זיך בארעכנט דיר צו פריי לאזן ווייל דו ביזט צו אלט, נאר דו דארפס׳ט נאר אונטער שרייבן דעם באפרייאונג׳ס צעטל.

דער רבי איז געווארן איבעראשט הערנ׳דיג אז מען וויל איהם באפרייען, אבער צו שרייבן אין שבת.. דאס איז דאך שוין נישט געקומען אין באטראכט, ״אויב דו וועסט נישט אונטער שרייבן פירן מיר דיר צוריק אין תפיסה אויף נישט קיין באשטימט׳ן טערמין״, האבן זיי געסטראשע׳ט.

דער הייליגער צדיק איז אבער געווען ענטשלאסן, טראכטנ׳דיג מיט א אינערליכ׳ע צופרידנהייט, אז אויב ביז יעצט בין איך געזעצן אין תפיסה פאר גארנישט, זאל איך כאטשיג יעצט זיצן אין תפיסה פארן שבת – פארן נישט וועלן חתמ׳נען אין שבת, הגם עס איז נאך דעמאלט׳ס געווען טאג אינדרויסן, אבער דער רבי האט שוין דעמאלט׳ס געהאט מקבל שבת געווען.

און בשעת מעשה האט זיך אפ געשפילט די זעלבע סצענע מיט זיין זוהן דער הייליגער סקולענ׳ער רבי מוהרי״א מסקולען זצ״ל, מיט צארן האבן זיי





בארבאריש צוריק געשליידער׳ט יעדער צו זיין קאמער, באגלייט מיט הארטע קלעפ און זידלערייען: ״פון דא וועט איר שוין נישט ארויס גיין קיין לעבעדיגער״..! האבן די רשעים געשריגן.

קעגן זייער ווילן האבן זיי אין צוויי דריי טעג ארום – מאנטיג אינדערפרי, זיי ווידער ארויס געפירט, דער הייליגער נועם אליעזר מיטן רבי׳ן זצ״ל האבן אונטער געשריבן אויפן באפרייאונג דאקומענט, און דערמיט זענען זיי ב״ה אפיציעל באפרייט געווארן פון די פארשאלטענ׳ע קאמוניסטיש׳ע תפיסה.

און ביים יערליכ׳ן סעודת הודאה בחצר הקודש סקולען ווי רבוה״ק האבן געפראווע׳ט זייער יום הצלה, און ווי אויך דעם יום הצלה פון די אלע יודישע קינדער וועלכע זענען אפ געראטעוועט געווארן דורך די צוויי הייליגע צדיקים, האט די רבי זצ״ל כסדר איבער געחזר׳ט, אז עס שטייט אין פסוק: שִׂיחוּ ״בְּכָל״ נִפְלְאוֹתָיו – מיר וועלן שמועס׳ן ״אין״ זיינע וואונדער – מיר וועלן נאר דערציילן ״א חלק״ פון די וואונדער פון השי״ת, עס שטייט נישט: שִׂיחוּ ״כָּל״ נִפְלְאוֹתָיו – דערציילט׳ס ״אלע״ זיינע וואונדער, ווייל מען קען דאך נישט אין אמת׳ן דערציילן אלע ניסים ונפלאות וואס השי״ת האט געטוהן מיט אונז, און וואס ער טוט מען אונז כסדר.

ווייל א יעדע אטעם פון א מענטש איז דאך אין אמת׳ן א נס, און: ״עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל יָ-הּ״, און ממילא וועגן דעם שטייט נאר אין פסוק דעם לשון: שִׂיחוּ ״בְּכָל״ נִפְלְאוֹתָיו – אז מיר וועלן שמועס׳ן ״אין״ זיינע וואונדער, ווייל וויפיל מען דערציילט, קען מען דאך אין אמת׳ן ניט אמאל אָן הייבן צו דערציילן די געוואלדיגע גרויסע ניסים ונפלאות וואס השי״ת האט געטוהן מיט אונז און מיט אונזערע אבות: ״בַּיָּמִים הָהֵם בִּזְּמַן הַזֶּה״:





# הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קֹדֶשׁ הֵם

**הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ קֹדֶשׁ הֵם:** די סקולענ׳ע רעבעצין ריזל ע״ה (מחברתו הטהורה של כ״ק אדמו״ר בעל מאור ישראל מסקולען זצ״ל) דערציילט, אז נישט לייכט איז אָן געקומען דאס ראטעווען פון די אומצאליגע יתומים, ווי מיין שוויגער ע״ה האט זיך אפט מאל אויס געדרוקט, אז: ״יעדעס איינע פון די קינדער איז מיר שווערער אָן געקומען ווי דאס אייגענ׳ע״..!

און מיט אמת׳ע מסירות נפש האט מען יעדעס איינציג קינד אויס געקעמפט, נישט געקוקט אויף די געוואלדיגע גרויסע סכנה וואס האט געדראעט, כמעט אלעמאל איין געשטעלט זייער פרייהייט, און גאנץ אפט איז אויך דאס לעבן געווען אין געפאר, טראץ די אלע סכנות, האט מען געקעמפט ווי א לייב..! מיט הימליש׳ע כוחות, און מיט השי״ת הילף, נאך א קינד געלונגען צו ראטעווען פון די קאמוניסטיש׳ע קאלהאזן..! נאך א יודיש נשמה׳לע צוריק געברענגט: ״תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה״..! וועלכע ווען נישט דער סקולענער רבי זצ״ל מיטן רעבעצין שינא רחל ע״ה.. וואלטן די אלע קינדער ח״ו אויף געוואקסן עכטע קאמוניסט׳ן, נישט וויסנ׳דיג אפילו אז זיי שטאמען: ״מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל״.

און אזוי ארום האט זיך צו וואקסן און צו בליעט די ווארעמ׳ע היים און אָן געקומען צו א צאל פון הונדערט׳ער יתומים און יתומות וועלכע האבן דארטן באקומען א אמת׳ע יודישע ערציאונג, מיט א פאטערליכ׳ע און מוטערליכ׳ע ליבשאפט, מיט אויפריכטיג געטריישאפט, זייערע פאר ווייטאגט׳ע הערצעלעך דערקוויקט און דערפריידט.





וויפיל שלאפלאזע נעכט ביי זייערע בעטן פארבראכט..?! וויפיל טייערע צייט געווידמעט פאר זיי..?! וויפיל הייסע טרערן פארגאסן ביי די תפילות בעטנ׳דיג ביי השי״ת אז זייער איבערמידליכ׳ע ארבעט זאל זיין מיט ערפאלג און די קינדער זאלן וואקסן ערליכע צניעות׳דיגע יודישע קינדער..?! נישט געשוינט קיין כח, קיין צייט, קיין געלט, קיין געפיל, נאר מיטן גרעסט׳ן מאס איבער געגעבנ׳קייט זיי געגעבן אלעס וואס האט זיי נאר געפעלט.

איינער פון די מיידלעך וועלכע איז אינמיטן די וואך אָן געקומען צום רבינ׳ס שטוב, האט זיך פרייטיג צו נאכט׳ס ביים ליכט צינדן (ס׳איז געווען דעמאלט׳ס איר ערשטע פרייטיג ביים רבי׳ן אין שטוב) געשטעלט לעבן די רעבעצין ע״ה, און מיט א טרויעריגע בליק געקוקט אויף איר.

שפעטער האט זי אויס געבראכן אין א יאמערליכ׳ן געוויין, ווען די רעבעצין האט גע׳ענדיגט איר תפילה ביי די שבת׳דיגע ליכט, האט זי זיך צו געבויגן צו דאס מיידעל׳ע, און איר געפרעגט מיט ליבשאפט: ״פארוואס וויינסטו אזוי שטארק מיין טייער קינד״..?!

און מיט מוטערליכ׳ע צערטליכקייט איר גע׳גלעט, דאס מיידעל׳ע איז נאך ניט אמאל געווען דעמאלט׳ס קיין זעקס יאר אלט, און די רעבעצין האט זיך דעמאלט׳ס אָן גערופן צו איר: ״מיין ליב קינד בארואיג זיך, זאג מיר, פארוואס וויינסטו״..?!

מיט גרויס געוויין האט דאס מיידעל׳ע גע׳ענטפערט: ״איך האב אמאל געהאט א מאמע, און זי פלעגט אויך אזוי צינדן ליכט ערב שבת פאר נאכט, זי איז אויפן וועג צום לאגער געהארגע׳ט געווארן, און יעצט האב איך זיך




דערמאנט, אז עס איז שוין א דורך א לאנגע צייט וואס איך האב נישט געזעהן קיין ליכט בענטשן, ווייל איך האב שוין לאנג נישט קיין מאמע"..!

די רעבעצינ'ס געפיל פולע הארץ איז צו טרייסל'ט געווארן, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי בארואיגט דאס מיידעל'ע מיט די פאלגענדע ווערטער: "ווייסטו וואס..?! איך האב נישט קיין מיידל, און דו האסט נישט קיין מאמע, וועל איך זיין דיין מאמע, און דו וועסט זיין מיין מיידעל'ע"..!

אזוי ווי דאס מיידעל'ע האט דאס געהערט, האט זי ווידער אמאל אויס געבראכן אין א היסטעריש געוויין, אבער דאס מאל פון שמחה, און זי האט אָן געהויבן צו קושן די רעבעצינ'ס הענט, דאס קלייד, פון אלע זייטן, שרייענדיג: "איך האב אויך א מאמע"..! "איך האב אויך א מאמע"..!

די רעבעצין האט זי צו געדרוקט צו איר הארץ, זי געהאלזט און געקושט: "מיין טייער טאכטער'ל..! מיין ליב מיידעל'ע..! בארואיג זיך..! דו האסט א היים..! און דו האסט א מאמע"..! דאס מיידעל'ע איז געלאפן צו יעדע וואנט פון דעם צימער און געזאגט מיט די גרעסטע מאס פרייד: "הערס'ט..?! איך האב אויך א מאמע..! איך האב אויך א מאמע"..!

די רעבעצין האט געשמייכל'ט צו איר, און איר בארואיגט מיט ווארימ'ע מוטערליכ'ע ליבשאפט, ווייל זי האט דאך שוין געוואוסט, אז: "נֵר יהו-ה נִשְׁמַת אָדָם", און: "הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ" – און די אלע צובראכענ'ע נשמה'לעך וואס זענען ליידער פארכאפט געווארן דורך די פארשאלטענ'ע קאמוניסט'ן ימש"ו, זענען דאך אין אמת'ן: "קֹדֶשׁ הֵם":





# מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי

**מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי לְךָ נָאֶה לְשַׁבֵּחַ וכו':** די ווערטער: "מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי לְךָ" – איז דאך ראשי תיבות: "מַצִּיל" – השי"ת האט דאך אונז שטענדיג געראטעוועט, אין אלע דורות, סיי: "בַּיָּמִים הָהֵם", און אויך: "בִּזְּמַן הַזֶּה", און וועגן דעם איז דאך טאקע: "נָאֶה לְשַׁבֵּחַ".

און ממילא פאר מיר גייען דא אָן הייבן צו דערציילן די ניסים וואס השי"ת האט געטוהן מיט די יודישע קינדער אין אלע דורות, זענען מיר מקדים די ווערטער: "מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי לְךָ", כדי צו בארואיגן די געמיטער, אז ניין טייערע אידן, דער אייבערשטער האט אונז קיינמאל נישט פארלאזט, נאר ער האט אונז שטענדיג גערעטעוועט פון די הענט פון די רשעי ישראל וואס האבן אויס געשריגן הויעך אָן קיין שום בושה אז: "וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד".

און דער הייליגער סקולענ'ער רבי זצ"ל וואס: בְּשֵׁם "יִשְׂרָאֵל" יְכוּנֶּה, צוזאמען מיט זיין גרויסן טאטן דער הייליגער נועם אליעזר מסקולען זצ"ל, זענען דאך געווען לעבעדיגע עדות, אז: "אֲפִלּוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים".

ווייל ווי באקאנט, האבן די קאמוניסט'ן אפילו אמאל אויף געהאנגען דעם רבי'ן זצ"ל ביי די קאפ, און א מענטש קען דאך נישט לעבן הענגע'דיג מער ווי אכצן סקונדע'ס, און איהם האט מען אויף געהאנגען פאר פופצן סקונדע'ס, און איהם כמעט געלאזט אויס גיין ל"ע, און די לעצטע רגע האבן





זיי אפ געשניטן דעם שטריק, כדי אז ער זאל נישט שטארבן, אזא צער האבן די רשעי ישראל גורם געווען פאר אזא גרויסער צדיק ווי דער הייליגער סקולענ׳ער רבי זצ״ל בשעת ווען ער איז געזעצן אין תפיסה.

און וואו איז ער שוין געזעצן..?! ביי די טמא׳נע קאמוניסט׳ן וואס האבן נאר געהאט איין און איינציג׳ן ציל, און דאס איז געווען, אז ער זאל איבער געבן אין זייערע הענט אנדערע יודישע קינדער, אבער אזא זאך איז דאך ניט אמאל געקומען אין באטראכט בכלל, אבער געצאלט די פרייז אויף דעם, האבן די צוויי הייליגע גופים פון די צוויי הייליגע צדיקים לבית סקולען.

און פאר דעם צוועק צו ראטעווען יודישע קינדער איז דער רבי זצ״ל געווען גרייט צו גיין אין אין פייער און אין וואסער, ער האט זיך אריין געווארפן אין די הייליגע ארבעט ווען קיין שום זאך פאר שליסט נישט פאר איהם די טיר, נישט קיין פיזיש׳ע מיה, און נישט קיין אום געהויער׳ע לאסט עס צו דעקן פינאנציעל.

און אפילו בשעת ווען זיי זענען נאך געווען אויף די פריי פארן ווערן ארעסטירט, זענען זייערע טריט נאך אלץ געווען באוואכט מיט די אויגן פון די פארשאלטענ׳ע קאמוניסט׳ן, וואס דאס האט אריין געלייגט די גאנצע הויז געזונט פון דעם רבי׳ן זצ״ל אין א שרעקליכ׳ע פחד.

ווייל ״ראבין פארטוגאל״ איז פארצייכנט געווארן אלץ ״שונא נומער איינס״ אין די קאמוניסטיש׳ע רעזשים, מען האט זיין בילד ארויס געשטעלט עפנטליך, כדי צו האבן הילף פון די מאסן צו געפונען דעם ״פארברעכער״, ביז מען האט איהם איין געזעצט ביי זיי אין תפיסה.





און זיי האבן מקדש שם שמים געווען דארטן אין תפיסה, און פון יעדע ריר זייערע דארטן האט זיך דאך אטאמאטיש ארויס געשריגן דעם: "עִבְרִי אָנֹכִי וְאֶת יהו-ה אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם אֲנִי יָרֵא", און די ווענט פון די תפיסה האבן מיט געוויינט הערנ'דיג ווי א גלות איד צו וויינט זיך פארפאסנ'דיג דעם ניגון: "נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת יהו-ה".

און יעדע ריר זייערע דארטן איז דאך געווען מיוסד אויף פינעף ווערטער, די פינעף ווערטער זענען געווען: "כִּי כֵן צִוָּה לוֹ הַמֶּלֶךְ", און מיט די פינעף ווערטער: "כִּי כֵן צִוָּה לוֹ הַמֶּלֶךְ" איז די תפיסה געווארן איבער געדרייט פון א פשוט'ע טונקעל'ע תפיסה צו א: "מְקוֹם אֲשֶׁר אֲסִירֵי הַמֶּלֶךְ אֲסוּרִים":

# עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם

**וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם רַבְתָּ אֶת רִיבָם וכו':** לכאורה דארף מען דאך פארשטיין, אז פארוואס ווען מיר זאגן: "פּוּרִים" דעם שטיקל פון: "בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר" וכו', זאגן מיר דעמאלט'ס דעם לשון אז: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים "הֵפַרְתָּ אֶת עֲצָתוֹ" – אז דו הייליגער באשעפער מיט דיין גרויס רחמנות האסט צו שטערט די פְּלַאן פון "המן הרשע", און דאס איז עס, אבער משא"כ ביי די טעג פון: "חֲנוּכָּה" זאגן מיר [ווען עס קומט צו רעדן פון די ישועה] דעם לשון, אז: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים "עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם" – אז דו הייליגער באשעפער מיט דיין גרויס רחמנות ביזט געשטאנען צוזאמען מיט די יודישע קינדער אין זייער צרה..?!





פארוואס ביי: "חֲנוּכָּה" רעדט מען נישט גלייך פון די "ישועה" אז דער אייבערשטער האט ב"ה געהאלפן און ער האט איבער געגעבן די שטארקע "יונים" אין די האנט פון שוואכ'ע "יודעל'עך"..?! פארוואס זאגן מיר ביי: "חֲנוּכָּה" דעם לשון אז דער אייבערשטער איז געווען: "עָמַדְתָּ לָהֶם" נאך: "בְּעֵת צָרָתָם"..?! וואס איז פשט פון דעם..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, ווייל דאס קומט דאך אונז דא אויס לערנען א מורא'דיגע יסוד, און דאס איז, אז אוודאי איז דער אייבערשטער: "עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה" מיט א יעדע יודיש קינד אין סיי וועלכע צרה ער געפונט זיך נאר, אבער די עיקר יסוד וואס א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען איז דאך, אז ווען ער שלאגט זיך מיט זיין יצר הרע "ברוחניות", [אזוי ווי עס איז דאך טאקע געווען אין די צייטן פון די הייליגע חשמונאים], דעמאלט'ס שטייט דער אייבערשטער "שטענדיג" לעבן איהם..!

און דו ווייסט פארוואס דו דארפס'ט אלעמאל גוט געדענקען אז: "עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם" – און דו ווייסט פארוואס דו דארפס'ט אלעמאל גוט געדענקען אז דער אייבערשטער שטייט דאך שטענדיג לעבן דיר בשעת ווען דו שלאגסט זיך מיט דיין יצר הרע "ברוחניות"..?!

ווייל עס איז דאך: "רַבְתָּ אֶת רִיבָם" – ווייל דער אייבערשטער שלאגט זיך דאך אלעמאל מיט צוזאמען דיר, אזוי ווי חז"ל (קידושין דף: ל' ע"ב) זאגן דאך אונז שוין טאקע קלאר בפירוש, אז: "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ" – אז ווען נישט וואס דער אייבערשטער העלפט ארויס דעם מענטש זיך צו שלאגן אנטקעגן דעם יצר הרע, דעמאלט'ס: "אֵינוֹ יָכוֹל לוֹ" – דעמאלט'ס וואלט דאך דער מענטש קיינמאל נישט געקענט ביי קומען זיין "יצר הרע".




וויל דער ״יצר הרע״ איז דאך א ״מלאך״, און דו ביזט דאך נאר סך הכל א קליינע מענטשעל׳ע וואס האט דאך נישט גענוג כח זיך צו שלאגן מיט א ״מלאך״.

און ממילא וועגן דעם זאגט דא דער אייבערשטער פאר דעם יוד׳ל, אז ר׳ יוד..! עס איז מיר אסאך וויכטיג׳ער אז דו זאלסט וויסן ווען דו האסט א צרה ״ברוחניות״.. אז איך שטיי דעמאלט׳ס מיט צוזאמען מיט דיר אין דעם קאמף אנטקעגן דעם ״יצר הרע״, ווי דאס אז דו זאלסט שטענדיג האלטן פאר די אויגן ״בגשמיות״ אז איך בין צוזאמען מיט דיר אין דיין גשמיות׳דיגע צרה וואס איז דאך נישט קיין אמת׳ע צרה בכלל, נאר עס זעהט סך הכל אויס ווי א צרה, און עס איז דאך אין אמת׳ן בלויז א: ״הֶסְתֵּר פָּנִים״.

און ממילא וועגן דעם זאגן מיר אלע: ״פּוּרִים״ ביי דעם שטיקל פון: ״בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר״ וכו׳ בלויז דעם לשון פון: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים ״הֵפַרְתָּ אֶת עֲצָתוֹ״ – אז דער הייליגער באשעפער מיט זיין גרויס רחמנות האט צו שטערט די פְּלַאן פון דעם רשע ״המן הרשע״, און ער האט דעמאלט׳ס גלייך געהאלפן די יודישע קינדער, [נאך דעם וואס זיי האבן תשובה געטוהן פארשטייט זיך], און פארטיג.

אבער משא״כ ווען עס קומט צו די: ״יְמֵי הַחֲנוּכָּה״ וואס איז דאך געווען א מלחמה ״ברוחניות״, זאגט מיר דאך שוין דעמאלט׳ס אלע גלייך די ערשטע זאך [נאך פאר דעם וואס מיר רעדן פון די ישועה בכלל], אז: וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים ״עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם״ – אז דו הייליגער באשעפער ביזט דעמאלט׳ס מיט געשטאנען צוזאמען מיט די יודישע קינדער אין זייער רוחניות׳דיגע צרה, כדי אז א יודיש קינד זאל שטענדיג געדענקען, אז עס





קען טאקע זיין אז דו געפונס'ט זיך טאקע אין א שווערע וועלט וואס איז אָן געפילט מיט כל מיני ביטער'ע שווערע נסיונות "ברוחניות", אבער וויסן זאלסטו ר' יוד, אז דער אייבערשטער איז דאך שטענדיג: "עוֹמֵד לְךָ בְּעֵת צָרָתְךָ", און: "רַבְתָּ אֶת רִיבָם" – און דער אייבערשטער שלאגט זיך דאך שטענדיג מיט צוזאמען מיט דיר, און דער אייבערשטער העלפט דאך דיר שטענדיג קעמפן אנטקעגן דעם שווער'ן "יצר הרע" וואס שלאגט זיך מיט דיר "ברוחניות".

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז אין די ווערטער פון: "עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם", ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**עָ**מַדְתָּ **לָ**הֶם **בְּ**עֵת **צָ**רָתָם" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "מִי נִצָּב" – ווער שטעלט זיך דא יעצט לעבן דיר בשעת ווען דו שלאגס'ט דא ארום מיט דיין שווער'ן "יצר הרע" בעניני "רוחניות"..?! ווער..?! דער "הייליגער באשעפער", יא..?!

און דאס דארף דאך טאקע א יודיש קינד שטענדיג גוט געדענקען, אז: "מִי נִצָּב" – אז ווער שטייט דא יעצט גלייך לעבן מיר בשעת ווען איך שלאג זיך דא ארום מיט מיין שווער'ן "יצר הרע"..?! ווער..?!

דו ווייסט ווער עס שטייט דא יעצט גלייך לעבן מיר בשעת ווען איך שלאג זיך דא ארום מיט מיין שווער'ן "יצר הרע"..?! דער "הייליגער באשעפער", ווייל יא ר' יוד, וויסן זאלסטו, אז דער זעלב'ער באשעפער וואס איז געווען: עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם "בַּיָּמִים הָהֵם", שטייט אויך יעצט ווייטער מיט צוזאמען מיט דיר אין דיין היינטיג'ן קאמף אנטקעגן דיין יעצטיג'ן יצר הרע: "בִּזְּמַן הַזֶּה".





און אפילו ווען א יודיש קינד איז דאך שוין ח״ו נכשל געווארן אין א עבירה, שטראפט איהם אבער דער אייבערשטער נאך אלץ נישט דעמאלט׳ס ״גלייך״, נאר: ״דַּנְתָּ אֶת דִּינָם״ – נאר ער איז זיי דעמאלט׳ס גלייך: ״דַּן״, און ער משפט זיי דעמאלט׳ס גלייך אויף דעם, און ער ווארט דעמאלט׳ס גאר שטארק אז דער יוד זאל זיך צוריק קערן צו איהם און ״תשובה״ טוהן פאר איהם מיטן גאנצן הארץ.

און דער גרויסער הייליגער: ״אוֹר הַגָּנוּז״ וואס קומט יעצט אראפ אין דעם הייליגן יום טוב: ״חֲנוּכָּה״, וועט דאך שוין זיכער אויף לייכט׳ן אלע צובראכענ׳ע יודישע הערצער וואס ווארטן נאך אויף א: ״יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם״, און זיי וועלן זיכער אלע געהאלפן ווערן מיט א אמת׳ע: ״יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם״, און עס וועט נאר זיין ליכטיג און וואויל אין אלע יודישע שטובער, ביז מיר וועלן שוין טאקע אלע זוכה זיין בקרוב ממש צו דעם אמת׳ן משמעות פון: ״אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ יַחַד בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ בְּבִיאַת גּוֹאֵל צֶדֶק וּבְבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן״:

**און מיט דעם ענדיגן מיר: אז מיר זאלן זוכה זיין אז ווען עס וועט זיין: ״אָסֻרָה נָּא״ – ווען מען וועט אוועק גיין פון די גרויסע הייליגע טעג, זאל אבער נאך אלץ זיין: ״וְאֶרְאֶה אֶת הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה״..!**

**תם ולא נשלם!**
**שבח ושירה לאל בורא עולם!**

לְכוּ בָנִים שִׁמְעוּ לִי..!



יצא לאור לז״נ זקני הרב ר׳ יצחק בן יונה ז״ל



יצ״א לאור העולם בעזרת השם יתברך

ערב חנוכה שנת תשפ״ו לפ״ק

ע״י תלמידי וחסידי סקולען

בעירנו בית שמש ת״ו

# סקולען

## בית שמש

ע״ש רבוה״ק זיע״א

בנשיאות ראש חבורתינו שליט״א